
אידישע ניגונים
הרב יוסף משה כהנא
לחיים חסידים
זאנוויל ווייגבערגער יהושע בערקוי
אהר'לע סאמעט
יעקב יודא דסקל וועלוועל פעלדמאן
אייזיק האניג משה דמן

# קרעדיט

הפקה: הרב יוסף משה כהנא
עיבודים: הרב יוסף משה כהנא
עיבוד שיר 'לחיים חסידים': נפתלי משה שניצלער
ניהול הפקה מוזיקלית: חיים גוטסמן & סוקי ברי
עוזרי הפקה: בנימין ברנדסדורפר ואהרן קאראסו
עיבוד קולי: הרשל בריסק
מיקס: חיים גוטסמן
מאסטרינג: יונתן יעקובי

תופים: אבי אבידני, דקל דביר
בס: גיא דאן
פסנתר: סוקי ברי, אחיה הכהן
גיטרות: אבי סינגולדה, עמית יצחק
קלידים וסינטי: יוחנן אורי, חיים גוטסמן
כלי נשיפה: דור אסרף
חצוצרות: עדי מאירי, נתן בירמן
טרומבונים: שחר ליבנה, מתן מאמן
קלרינט: אברהם ברלטי

Cover Design: PivotGroup | Booklet: סטודיו ליבוביץ בע"מ

בעלי המנגנים: אייזיק האניג, זאנוויל וויינבערגער, יעקב יהודה דסקל, יהושע בערקוי, אהר'לע סמט, וועלוול פעלדמאן, משה דמן, יוסף משה כהנא
קינדער סאלא'ס: מוישי ברוין, יוסי גאלדמינצער, שמואלי סיגל, יהושע'לע עסטרייכער, ארי כוואן
חברי המקהלה: מיכאל וויינברגר, יוסי וויינברגר, יעקב רוטבלט, סיני ברמץ, שמואליק גאלדשטיין, ישראל פריילעך

**Recorded at:**

זמירות סטודיו – בנט: טכנאי: אבי קורלנסקי
MW Studio: מיכאל וויינברגר
EQ Studio: יענקי ברוין
SW Studio: שלמה זלמן וועכטער
Emphasis Studios: יוסי האניג
Musical Cave: הערשי מענצער

קינדער כאר: יצחק ראזנבלום, שלמי ברוין, שלמי שווארץ, מושי קויפמאן, יוסי ברייער, הערשי פרידער, נחום טוווערסקי, יעקב גרשון ראזענפעלד, דוד פעדער, שמילי סיגל, שמילי גאלדקלאנג, יחיאל אהרן איינהארן, נחום שפיטצער, יצחק שווארץ, פנחס קויפמאן, מיכל ניצלעך, מאטי גאלדמינצער, אנשי זילבערמאן, חנינא ראזנבערג, דוד פרידמאן, נחמן איינהארן, דוד שפיטצער, מאיר גליק, הערשי ברוין, אברהם לאנגסאם, מענדי גרין, ברוך דוד פערלמאן, מאיר ברילאווסקי, מיכל שווארץ, חנינא טווערסקי, אברמי גליק, מענדי בייער

**Recorded at:**

Shevach Studio: By Yossi Gluck

קינדער כאר: אברמי כהנא, אשי שטאל, ברוך כוואן, יודי סאלאמאן, מנדי דייטש, מנדי קעלנער, שמשי קרויס, שיע'לע בערגער, שלום לויפער

**Recorded at:**

MK Studio: By Moshy Kraus

# הכרת הטוב

מודה אני לפניך על כל החסד אשר עשית עמדי ועל כל החסד אשר אתה עתיד לעשות עמי,
ועל שאני זוכה להוציא אלבום תוכן נפלא להנאת ותועלת עמך ישראל.

איך וויל דאנקען פאר מיינע טייערע חברים (ולפי א"ב):

מיין אויסערגעוועגליכע גוטע חבר נפתלי משה שניצלער
מיין אמת'דיגע חבר חיים מרלין
מיין איבערגעגעבענע חבר יששכר בער אורגל
מיין בעסטע חבר זאנוויל וויינברגר
מיין באגלייבטע חבר יוסף יצחק לאנגסאם
מיין באוואוסטע חבר פנחס ביכלר
מיין בא'טעם'טע חבר יהושע ראזען
מיין באליבטע חבר יצחק ליש
מיין געשוואוירענע חבר הרשל בריסק
מיין גוטע חבר יואלי שטיינמעץ
מיין געוואלדיגע חבר משה קרויס
מיין געטרייע חבר משה אהרן ברנשטיין
מיין געלונגענע חבר וועלוול שמערלצער
מיין געשיקטע חבר שלמה זלמן וועכטער
מיין געשמאקע חבר משה דמן
מיין גרויסע חבר אייזיק האניג
מיין הארציגע חבר יעקב יודא דסקל
מיין הויעכע חבר שלמה וולף

מיין העפליכע חבר יוסף מאיר סאקס
מיין וואוילע חבר יודי לעבאוויטש
מיין זיסע חבר בערל סופר
מיין טייערע חבר הערשי וויינבערגער קאמפאזער 1
מיין טיפע חבר שמשי פריד
מיין כשרונות'דיגע חבר חיים גוטסמן
מיין לעבעדיגע חבר יהושע בערקוי
מיין לעכטיגע חבר יוסי גליק
מיין מוזיקאלישע חבר משה נפתלי צבי פרלוב
מיין נאנטע חבר חיים הארטמאן
מיין נאסטאלגישע חבר מרדכי אהרן הלוי ויזל
מיין נענטסטע חבר יוסי גיל קרישבסקי
מיין פארשטענדליכע חבר מיכאל וויינברגר
מיין פעסטע חבר אברהם מרדכי ריגל
מיין פרייליכע חבר אהר'לע סמט
מיין קלוגע חבר שלום מרדכי גליק
מיין קריאייטיב חבר שלמה שטיינמעץ
מיין שמייכלדיגע חבר וועלוול פעלדמאן

להני תרי צנתרי דדהבא

מיין בריליאנט ארבעטער פון לחיים
שמעון וייס
וואס באשיינט לחיים מיט א פרישקייט
און באלייכט גאנץ לחיים אין אמעריקע!

מיין גאלדענע ארבעטער פון לחיים
גדליה מעסינגער
א גאלדענע מענטש מיט גאלדענע הענט
און א גאלדענע הארץ!

יוסף משה כהנא

## 1. לחיים חסידים

לחן: הערשי וויינבערגער

געזונגען: אהר׳לע סמט, יהושע בערקוי  סאלא אינגל: יוסי גאלדמינצער

2.

שירו לה׳ שיר חדש תהלתו בקהל חסידים.
חסידים, חסידים, יערלזו חסידים, יערלזו חסידים בכבוד.

ווייל ווען חסידים טאנצן,
פארגעסן זיי אינגאנצן,
פון אלע דאגות אויף דער וועלט
עס ברענגט השפעות נחת און געלט.

ווייל ווען חסידים טאנצן,
פארגעסן זיי אינגאנצן,
פון אלע דאגות אויף דער וועלט
עס ברענגט השפעות אין יעדן געצעלט.

## .2 אמונה ובטחון

לחן: חב"ד
געזונגען: מוישי ברוין

נאר דער באשעפער,
ער איז דער בעל הבית,
און איז מחליט,
ווען און וואס.
פארלאז זיך אויף איהם,
ביי יעדן טריט און שריט,
די גרעסטע פראבלעם,
וועט ווערן גוט.

איי, וואס געשעהן איז געשעהן,
די נעכטן שוין געווען,
נישטא נאך די מארגן,
וואס צו זארגן,
דאס ביסעלע היינט,
גייט שנעל אריבער,
אויפן באשעפער לאז עס איבער.

העבר אין, העתיד עדיין,
וההוה כהרף עין.

פזמון:
בטחון, בטחון איז מיין געווער,
אמונה אפילו ס'איז מיר שווער,
א קליינע תפילה א הייסע טרער,
און קיין דאגה גארנישט מער.

ווי ער האט געהאלפן ביז אהער,
ווייטער העלפן וועט ער.

אני מאמין מיט אן אמת איך גלייב,
אז אלס איז אויסגערעכנט פון אנהייב,
מיט יושר און אמת מיט א קלארן פלאן,
דורך דעם צום טאטן מיך מקשר זיין.

.2

יעדע ווייטאג און יעדע הנאה,
קומט פון הימל די השפעה,
די השגחה פרטית איז ביי יעדן ריר און ריר,
אלעס מיט א תכלית גוט צו טוהן פאר מיר

ווי פריילעך איז, ווי לעכטיג איז,
אז הוא מנהיג לכל הברואים,
ונרגעה, ונשמחה,
ווייל זיין השגחה איז מיין קיום.

ס'איז נישט קיין מקרה געווינשט סתם-איז,
מיט חכמה פון הימל מ'איז מיר מרמז,
דורך'געחשבון'ט איסערגעווענליך,
פאר יעדן איינעם פערזענליך.

.3

והוא לבדו עשה ועושה,
א שאד צו מאכן פלענער גרויסע,
פון קיין שום זאך כאפ נישט התפעלות,
ער טוט דאך פאר דיר אלעס,
נאר נאר בטחון אין איהם אליין,
וועט אלעס גוט דורך-גיין.

פזמון...

ווי ער האט געהאלפן ביז אהער,
זיכער העלפן וועט ער.

# 3. נעילה

לחן: הרה"צ ר' אשר ישעי' רוזנבוים שליט"א
געזונגען: יעקב יודא דסקל  סאלא איגעלעד: יוסי גאלדמינצער, שמואלי סיגל

סיפור זה מספרים אדמו"רי
בעלזא לדורותיהם בליל הושענא
רבא בכל שנה.

יתגדל ויתקדש....

יום כיפור אין שול אינעם ווייסן קיטל,
דאס גשמיות איז בטל ומבוטל,
אבער איין איד אין שטאט פון אלעס ער לאכט,
ער האט שוין ליידער אלע עבירות געמאכט.
שוין דורך כל נדרי, צו תפילת שחרית מען גייט,
ער זעהט פון פענסטער און אויף זיין פלאץ ער שטייט,
מען לויפט שוין צו מוסף, די על חטא'ס שוין געקלאפט,
אבער נעבעך איהם, האט עס נישט געכאפט.

פלוצלונג ביי נעילה דער עולם איז שוין אין שוהל,
ס'ערוועקט זיך איהם זיין הארץ און געפיל,
ער לויפט אין שול, גייט צו צום פרוכת,
שרייט און וויינט מיט אלע כוחות.
אוי טאטע, טאטע, איין זאך איך פרעג,
פאר א חוטא ווי מיר, צו איז נאך דא א וועג,
איך בין מודה ומתוודה, גרויס זענען מיינע זינד,
אבער איך בין דאך אויך א אידיש קינד.
טאטע טאטע, עפן אויף דיין טיר,
צו איז נאך געבליבן ליבשאפט אויך פאר מיר,
מיטן גאנצן הארצן וויל איך זיך צוריק-קערן,
הער מיין געוויין, זעה מיינע טרערן.

.4

.3

ביים בעל שם טוב אין שוהל, ס'טונקל עס איז שפעט,
קיינער ווייסט נישט וואס די יאר געשעהט,
מ'האלט פאר נעילה, מ'ווארט שוין אן א שיעור,
ביז ענדליך ענדליך עפנט זיך די טיר.
נאך נעילה מיט די חבריא שפאצירט,
מ'ווארט צו הערן וואס האט היינט פאסירט,
דער בעש"ט דערציילט, וואס מיט דעם חוטא געווען,
א גרויסער געטומל אין הימל איז דאן געשען.

טויזנטער תפילות יארן נישט ארויף אויבן,
האט דער רשע מיט זיין תשובה אויפגעהויבן,
אוי, האב איך געווארט, אזוי לאנג פאר דעם,
אונזערע תפילות מצרף זיין מיט איהם.
אזוי ווי א קינד וואס האט זיך פארלוירן ווייט,
געוויינט נאך איהם אזא לאנגע צייט,
ווען ער קומט צוריק פרייען זיך מיט איהם אלע,
אזוי יעצט די שמחה אין פמליא של מעלה.

מיט מיין גאנצע הארץ,
מיין גאנצע הארץ,
וויל איך אצינדער תשובה טוהן.
מיט די גאנצע הארץ,
מיט די גאנצע הארץ,
ווילן מיר אלע תשובה טוהן.

# 4. גימפל ביים גרעניץ

לחן: חב"ד
געזונגען: וועלוול פעלדמאן סאלא איגל: ארי כוואן

איך גימפל זיין אין פליגער,
די גרעניץ שוין אריבער,
די חקירות, שווערע שאלות,
שוין דורך אלעס,
בין איך זיך מתבונן,
זיך לערנען וועט זיך לוינען,
קודם געב איך ענק דא איבער,
וואס איך בין אריבער.

איך קום נאר אן אין עירפארט,
אין מיין האנט די פאספארט,
מיינע פעקלעך, פולע זעקלעך,
טובות פאר די וועלט.
דער שומר מיטן הויקער,
שטייט און איז מיר חוקר,
די פראבלעם–איז, קיין איין רמז,
וואס איז וועם–עס?

ענדליך אריבער חקירות ובדיקות,
איך קום אהן צום טויער'ל, מ'ליידיגט די טאש,
הוט, רעקל, שיך, אין מאשין איך שיק עס,
מיט א תפילה הצילנו מרעש.

איך גיי מיט זאקן, בלאס דערשראקן,
פלוצלונג קלינגען אלע גלאקן,
דער כינעזער, א נערוועזער,
טוט מיר אויס די גלעזער.
הענט הייב אויף, פיס ארויף,
די הויזן טראגע לייג אין שיסל,
שרייען יענע, אז מיין פענע,
זעהט אויס ווי א מיסל.
דער מאשין, אהער אהין,
פייפט אז איך האב א באמבע,
וואס קען איך טאהן, אז מיין צאן,
האט אין זיך א פלאמבע.

ביים פענסטער'ל דעם קליינעם,
קוקט אהן יעדן איינעם,
דעם פאספארט, געב איך דארט,
איך רעד נישט קיין ווארט,
ער מיינט ער איז א קייזער,
מיט א בליק א בייזער,
ער זעהט מיין בילד, ער ווערט ווילד,
פארלירט זיין געדולד.

# .4

.4

קוים דריי הארעלעך אויפן קאפ זיינע,
ליידיג פון אלעס דאס פנים אפגעגאלט,
פירט מיך צום אנדערן חכם פון מה נשתנה,
מיט דיקע ברילן פון מגילה אויסגעמאלט.

דער המדתא, בן פורתא,
פרעגט מיך פונקט מאין באת,
פון וואו ביסטו? און וואס טוהסטו?
וואס איז דיין פרנסה?
כאפט א קריזע, אויף מיין וויזע,
בודק פונקט ווי א מזוזה,
פון ווען איז-ע(ס), נישט ווערד קיין כי-הוא-זה,
ס'האט נישט קיין אחיזה.

איך געב א שטיפל, איך הייס גימפל,
קוק אויף מיין נאז ס'האט א פימפל!
ס'נישט מיין שולד, קוק דעם בילד,
ענדליך ווערט ער מילד.
דעם בלאט א ביגל, געט א זיגל,
זאגט מיר מוסר ביסט נישט ליגל,
נעם און גיי-שוין, ביסט שוין זיי-שוין,
דאס נעקסטע מאל פארשטיי-שוין.

איך קום שוין אהן צום מכס,
נאך א שעה אחת,
דער איז האריג, שערו סרוק,
רויט ווי א באריק.
ער קוקט שוין אויס פארמאטערט,
יעדעם שנעל ער פטר'ט,
זיין הונט וואס שמעקט, די פעקלעך לעקט,
ביי מיר האט זיך ערוועקט.

שטייט אין מיין פאספארט גימפל בן דוואשע,
קוקט אויף מיין רענצל און ער כאפט א נערוו,
שטייט דארט געשריבן 'לוי יצחק בן שרה סאשע',
עה, זאג מיר דו, וויפל נעמען האסטו אין רעזערוו?

כאפט א קריזע, אויף מיין וואליזע,
דזבין אבא בתרי זוזי,
פון וואו איז-ע(ס), פרעגט ברמיזא,
זאג איך פון גניזה.
עפנט פלינק, אלעס פונקט,
און פאר בושה איך שטיי און זינק,
בראנפן פלעש, א פעקל קעש,
באהאלטן אין די וועש.

## 4.

א בייגל א ברויזן, א איי א לויזן,
שרייט ער: פוה! סאיז ממש פויזען,
פון די עסן, טוה פארגעסן,
לערנט מיך א לעסן.
גיי זאגן מאמע'ן, אז איר חמין,
קען א גאנצע מדינה פאר'סם'ן,
שנעל נאש-איך-עס, ס'איז דאך בל תשחית,
שליגע אראפ צוזאמען.

שוין אריבער חיים ארוכים,
מ'איז שוין אין תכריכים,
נאך אלע הספדים, דער זון דער איידעם,
פון קהילת החרדים.
פון הימל פליען שליחים
ס'העלפט נישט קיין ויכוחים,
די נשמה, בקול רמה,
למקומה מוליכים.

מ'שטייט אין פרשת דרכים,
ביים טויער די מלאכים,
די לעמפל בלינקט, צו רעכט צו לינק,
קיינער ווייסט נישט פונקט.
אן עבירה טוט באשאפן,
א מלאך וואס טוט פייפן,
דארט ביי יענעם טויער,
ווערט מען אלי'ן געוואר.

יעדע האנדל, אין סיי ווערלכן לאנדל,
אלע מעשים, נזכרים ונעשים,
יעדע ראי-ה און יעדע שמיעה,
נאר א עיעה, אלעס איז ידוע.
יעדע שטונדע, מינוט און סקונדע,
יעדע קליינע זאך'ל, א יעדע מאכל,
די גאנצע לעבן ווערט דאך אפגעשפיגלט,
די שכר ועונש ווערט אפגעזיגלט.

וואויל איז דעם, ווי איינענעם,
אז מ'טרעפט מצות ביי איהם,
בלעטער גמרא, בדרך ישרה,
און א לב נשברה.
יעדע צער און ווי,
האט א ווערד אהן א שיעור,
אוי ווי גוט, יענע מינוט...
אוי ווי גוט יענע מינוט,
אוי ווי גוט איז יענע מינוט,
אז מ'האט געטראכט פריער.

## 5. הייב דיך אויף

לחן: פנחס מרדכי וועבער
געזונגען: אייזיק האניג



הבעל שם טוב אמר: הוא ינהגנו על-מות, משל לאב המלמד לבנו הקטן לילך, כשהולך הקטן ב׳ או ג׳ פסיעות לקראת אביו מרחיק אביו את עצמו ממנו כדי שילך יותר, ואחר כך כשהולך יותר מרחיק אביו את עצמו עוד כדי שילך יותר, ועל דרך זה נקרא השם יתברך ק-ל מסתתר, שכשהצדיק עובד את השם יתברך נדמה לו שאינו עדיין בשלימות ושהוא רחוק מהשם יתברך, כדי שיתקרב הצדיק יותר, וזהו ׳הוא ינהגנו על-מות׳ שזה השם יתברך מסתתר שנקרא הוא, זהו כדי שינהגנו על-מות כהדין עולמיא כדי שיתקרב בכל פעם יותר, עד כאן דבריו.

יודעלע מיין קינד, ביסט נאך קליין אצינד,
איך וויל דיר לערנען גיין, כאפ מיר אן שיין,
קוק די שפילעריי, יודל, לויף צו זיי,
לאמיר זעהן מיין קינד, אליינס גיי.

יודעלע ער פאלט, מיזאש ווערט ער באלד,
פראבירט א רגע שטיין, ער קען נאך נישט אליין,
ער פאלט אראפ, פלאצט אין א געוויין,
טאטעניו! העלף מיר שוין גיין!

יודעלע, יודעלע, יעדער פאלט אין אנפאנג,
צביסלעך, שטאטלעך, לערנט מען גיין א גאנג,

יודעלע, יודעלע, אנהייב גייט עס שווער,
הייבסט אן שטאט, און מיט די צייט,
וועסטו גיין ווייט.

פזמון:
יודעלע, יודעלע, נעבן דיר איך שטיי,
ווען דו פאלסט, דיר איך האלט,
איך הייב דיר אויף געטריי,
ווייז-נישט, מיין-נישט, אז דו ביסט אליין,
דאס איז די וועג, חדשים טעג,
זאלסט קענען אליינס גיין.

## 5.

כה אמר ה׳, כה אמר ה׳,
אידעלע מיין קינד, איך־שיק־דיר אראפ אצינד,
צו וואקסן גאר שיין, מיט א רוחניות׳דיגע חן,
מיט תורה ומצוות, זאלסט שטייגן גרויס.

דער יצר איז שטארק, זעהט אויס ווי א בארג,
מ׳גייט און מ׳פאלט, מען שרייט געוואלד!
איינמאל מ׳פאקריכט, דעם וועג ארויס מ׳זוכט,
מיט א יאוש א געוויין, העלף מיר טאטע גיין.

אוי אוי אוי...
אידעלע, אידעלע, די נסיונות מאכט דיך שיין,
נאר דערמיט, קענסטו גוט,
שטייגן און העכער גיין,
אידעלע, אידעלע, שטארק זיך שוין,
ווייל מיט דיין, זיך מתגבר זיין,
באשיינסטו דאך מיין קרוין.

צדיקים, חסידים, פארציילט פארשידן,
ווען זיי זענען געווען יונג,
נישט געווען גרינג,
ס׳איז געשען, שווער געווען, נסיונות בייצושטיין,
צוביסלעך, שטאטלעך, געשטיגן אזוי שיין.

פזמון:

אידעלע, אידעלע, נעבן דיר איך שטיי,
ווען דו פאלסט, דיר איך האלט,
איך הייב דיר אויף געטריי,
וויין־נישט, מיין־נישט, אז דו ביסט אליין,
טריט ביי טריט, גיי איך מיט,
און אויף דיר איך היט.

אידעלע, נעבן דיר איך שטיי,
לאמיר זעהן מיין קינד, אליינס גיי!

## 6. רשב״י

לחן: מאטי איללאוויטש

געזונגען: הרב יוסף משה כהנא   סאלא איגעל: מוישי ברוין

פזמון:

צום תנא ר׳ שמעון,

טוען מיר אלע קומען,

הוא ימליץ טוב בעדנו אדונינו

בר יוחאי,

פועל׳ן דארט ישועות,

ברכות און רפואות,

אלע השפעות עד בלי די.

א בשורה וויל ער הערן,

מיט א קינד איהם באשערן,

צו ר׳ שמעון טוהט ער קערן,

גיסט טייכן טרערן,

געהאלפן טוהט ער ווערן.

האט א צרה זייער שווער,

ער קען נישט מער,

קומט ער אהער,

ביים ציון לאזט א טרער,

ניצול ווערט ער.

פזמון....

חובות, חובות, גאר אסאך,

גמ״ח נאך גמ״ח,

ער ווערט שוין שוואך,

לויפט ער צו ר׳ שמעון,

ווערט געהאלפן גלייך.

אוי האט א קינד א שוואכן,

פראבירט שוין אלע זאכן,

וואס קען ער מאכן?

די זכות וועט זיין מגין,

דאס קינד וועט שטייגן.

פזמון...

א צרה גדולה,

אין משפחה א חולה,

קיין מירון איז מען עולה,

דעם מצב דערציילט,

מ׳ווערט אויסגעהיילט.

דארף א שידוך פאר זיין זוהן,

זוכט אהער אהין,

שוין אלעס געטוהן,

צו ר׳ שמעון גייט ארויף,

מזל, מזל טוב!

פזמון...

דאס ווילן מיר דאך אלע,

ווערן נתעלה,

שטייגן מעלה מעלה,

צו ר׳ שמעון א נסיעה,

וועט דאס זיין משפיע.

א לעכטיגקייט און אורה,

וואס דארט איז שורה,

יראה טהורה

ממנו תצא תורה,

און דבקות הבורא.

פזמון...



## 7.

# 7. הייסע טרערן

לחן: ברוך לוין
געזונגען: זאנוויל וויינבערגער

יעדע טאטע גלוסט זיך, יעדע מאמע וויל,
קינדער געלונגען, איידל, וואויל און שטיל,
בנים עוסקים, בתורה ובמצוות,
זעהן נחת אויך ווען זיי זענען שוין גרויס.

איך זוך און זוך די וועג,
צו טוה איך גוט איך פרעג,
אלעס בין איך גרייט פאר זיי נעכט און טעג,
אפשר בין איך נישט מחנך געניג,
צו בין איך תמימות'דיג, אדער גאר צו קלוג.

פזמון:
אביסעלע שכל, א ליבליכע שמייכל,
מיט אסאך געפיל דאס קינד אויסהערן,
א טראפעלע פעולות, א זאק מיט תפילות,
און א ים פון הייסע טרערן.

א איד איז געקומען צום רבי'ן,
זאל איהם א ברכה געבן,
אויף גוטע קינדער, בנות ובנים,
ר' איד איך וועל אייך זאגן די טיפע ענינים,
יעדן טאג און טאג, וואש דיך אפ דיין פנים.

אבער רבי, יעדן צפריה, דאס פונקט איך טוה,
מיין פנים וואש איך, מיט פיל וואסער דערצו,
איי ר' איד איך וועל אייך, די כוונה ערקלערן,
וואש נישט מיט קיין וואסער, נאר מיט
הייסע טרערן.

פזמון...

8.

# צוואנציג-דרייסיג-פערציג

**לחן:** הר"ר יז"ט ערליך ז"ל
**געזונגען:** יהושע בערקווי

מ'ווערט שוין אכטצן ניינצן,
אלעס דארף צו גלאנצן,
נאר מ'איז פארנומען די וועלט נאך צו טאנצן,
די דאגה טוהסטו טראגן,
וואס יעדער וועט זאגן,
אויפן קלייד אדער רעקל, קנעפל און קראגן.

ווי-אזוי דו טוהסט זיך אהן
אלעס נאכצוטאהן
מ'זאל נישט זאגן קריטיק, נאר דאס איז
וויכטיג,
אלע ווערן קוקן,
מיט בייזע בליקן,
אויב לויט זייער דעה, טוסטו נישט ריכטיג.

איך מוז מיך צושטעלן,
יעדן צו געפעלן,
נאכצומאכן, אלע זאכן,
וואס זיי ווערן אלע גלייכן.

די הויז, די קאר,
נישט-זיין קיין נאר,
ביי חברים, ביי די שכנים,
און יעדן איינעם.

אהאהא...
נאר אין דיין שטוב,
איז ווי דו האסט ליב,
לויט דיין דעה און הנאה,
אהן יענעם'ס השפעה.
מ'קוקט, מ'בליקט, פון אלע זייטן...
ווען זי גייט ארויס,
אופס.. ווי זעה איך אויס?
די טיכל מיט די קייטל,
די שיך מיט די בייטל.

איך מוז מיך צושטעלן,
יעדן צו געפעלן,
אלעס מוז זיין פערפעקט,
וואס פאר יענעם שמעקט,

## 8.

יעדע זאך איך טוה–עס,
לויט מה יאמרו הבריות,
יעדער קוקט–דאך, יעדער בליקט–דאך,
עס איז א מציאות.

אלעס ערשט קלאסיק,
געווארן שוין דרייסיג,
עס טוישט זיך די נאטורן, מיט די יארן.
ס׳טוהט נישט אינטערעסירן,
ווער וועט קריטיקירן,
לויט מיין געשמאק, וועל איך זיך פירן.

בחינם אייער אויגן,
איך וויל גיין צופלויגן,
גענוג פאר די וועלט געבויגן,
טוה איך וואס מיר טוהט טויגן,
איך וועל מיך נישט צושטעלן,
איך מוז דיר נישט געפעלן,
גיי איך פארקערט דראסטיש,
כאטש ס׳פאסט נישט.

אהאהא...
קענסט קוקן ביז מארגן,
איך דארף קיין שכל בארגן,
איך ווייס אליין, וואס מיר איז שיין,
מיין לעבן אנצוגיין.
אוי אוי אוי....
כ׳האב זיי אין בוידעם,
מיין טובה איז קודם,
כ׳האב זיך גוט אליינס אינזין,
גענוג קלוג איך בין.

איך טראכט, איך טו–עס,
כאטש מה יאמרו הבריות,
אזוי איז גוט פאר מיין משפחה,
און אין דעם איך זעה די ברכה.
וואס איך דארף קויף–איך,
פון יענעם׳ס טעם אנטלויף–איך,
נאר מיט די תורה,
איך רעכן זיך.

## 8.

פערציג יאר ווערט-מען,
גאר אנדערש קלערט-מען,
בן ארבעים לבינה, נישט ווי פריער,
מ'ווערט געוואר,
ס'איז אמת און קלאר,
אז קיינער האט קיינמאל, נישט געקוקט אויף דיר.

ווען דו האסט נאכגעמאכט,
פון דיר נישט געטראכט,
ווען דו האסט געטוהן פארקערט,
ווער האט פון דיר געקלערט?
יעדער האט-זיך דאגות,
פראבלעמען נעבעך און לאגעס,
מ'טראכט נישט, מ'קלערט נישט,
פון דיין התנהגות.

אהאהא...
דער מענטש איז פארנומען,
דעם חודש דורכקומען,

## 9.

ווי אזוי טראכט-ער, גערט מאכט-ער,
זאל איהם זיין לייכטער.
אוי אוי אוי....
ער זאל האבן הצלחה,
מיט זיין משפחה,
מיט נחת פון גרויס און יונג,
און שידוכים גרינג.

דיין שכל איז דער שליח,
צו זיין מצליח,
פון הימל אראפגעשיקט,
א מתנה דיר באגליקט.
בעט פון אתה חונן,
ער זאל דיר באלוינען,
מיט חכמה בינה,
זאל ער דיר שוינען.
מיט דיין שכל עין-זיך,
אריין דאס קריין-זיך,
נאר לויט די תורה,
און רצון הבורא.

# 9. רחל מבכה

לחן: מודזיץ
געזונגען: אייזיק האניג סאלא איגעל: יהושע'לע עסטרייכער

קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים, רחל מבכה
על בניה.

ווען מ'האט די אידן פארטריבן אין דער פרעמד,
פארברענט דאס פלאץ וואס האט גע'שס'ט,
כביכול געוויינט און געקלעמט,
געזאגט צו ירמי' קוק מיין חורבן,
אזוי ווי א מענטש וואס האט שטאלצירט,
זיין בן יחיד צו די חופה געפירט,
און אונטער די חופה האט פאסירט,
זיין איינציג קינד איז געשטארבן.

און דיר טוט עס נישט וויי,
דו וויינסט נישט אויף מיר און נישט אויף זיי,
ג'יי רוף די אבות די דריי,
זיי קענען וויינען געטריי.
די אבות האבן געוויינט, געקלאגט,
צום באשעפער מיט א געבעט,
איז ארויס א בת קול און געזאגט,
גזירה היא, ס'איז צו שפעט.

מדרש איכה רבתי, פסיקתא כד'

באותה שעה, קפצה רחל,
אזוי געוויינט און געבעטן צום כל יכול,
געדענק ווי איך האב געגעבן די סימנים,
מיין שוועסטער לאה זאל נישט ארויסגיין בבושת
פנים.

און נישט געווען מקנא, כאטש איך בין א בשר ודם,
כל שכן דו, וואס דו ביסט א ק-ל חי וקיים,
ווי אזוי ביסטו מקנא, נארישע עבודה זרות,
און פארטריבן דיינע קינדערלעך אין גלות.

זאגט דער אייבישטער צו איר,
איך לייז זיי אויס בזכות פון דיר,
רחל איך זאג דיר צו,
נאר מנעי קולך מבכי.
יש שכר לפעולתך,
ויש תקוה לאחריתך,
איך וועל זיי נאך באשיינען,
נאר הער אויף צו וויינען.

## 9.

מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, ויש שכר
לפעולתך ושבו בנים לגבולם.

אין א ווינקל אליין,
אונטער א שטיין,
הערט זיך א געוויין,
טוהט דעם הימל שפאלטן,
שוין יארן אזוי פיל,
דאס קול ווערט נישט שטיל,
די מאמע וויינט מיט געפיל,
זי קען דאס נישט אויסהאלטן.

אידן וויינען און שרייען,
אזויפיל ווייטאג דורך־גייען,
מען קומט צו איר קבר אצינד,
די מאמע הערט אויס יעדעס קינד.

מאמע, מאמע, אזויפיל צרות,
קוק אויף אונז צובראכענע אידן, לבבות נשברות,
חולים אזוי קראנק,
ווארטן אזוי לאנג,
זאל שוין קומען די רפואה, א אמת'ע ישועה.



## 10.

יתומים ואלמנות,
נעבעך אזא רחמנות,
א פחד א שרעק, קינדער פאלן אוועק.
אידיש בלוט טוהט זיך גיסן
פון שווערע חובות ווערט מען צוריסן
מ'ווארט אזוי לאנג אויף א קינד א זיסן.
מאמע, הער נישט אויף,
ביז מיר וועלן צוריק ארויף,
ושבו בנים, לגבולם.

קינדער, איך רייס איין מיט טרערן,
עטס זאלטס אלע געהאלפן ווערן,
איך ווער נישט געטרייסט,
ביז ענק וועלן ווערן אויסגעלייזט.

קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים, רחל מבכה
על בניה.

# 10. צייט איז טייער

לחן: מודזיץ
געזונגען: משה דמן   אינגל סאלא: ארי כוואן

וואס איז וויכטיג, וואס איז ריכטיג,
מ'יאגט זיך, מ'פלאגט זיך, ארעם, רייך,
צייט האבן אלע גלייך,
די חילוק נאר א קלארע,
וואס איז די מטרה,
וואס איז די וויכטיגע זאך.

נאך אפאר דולר, האבן זאל-ער,
א שאפעלע, א קעכערלע, דעם בעסטן סטאלער,
א מבין אויסגעוועלט דעם קאליר,
מיט מאדעס פרישע,
און דעם איז א בושה,
מ'וועט מיינען ס'איז אן אלטע ירושה.

ווי ער שטייט אויף פארטאגס מיטן האן,
צו זיין דער ערשטער, אויבן אן,
מיט כבוד געשעפטן זיין נאכט איז צושטערט,
צו זיין א שפיץ, איז איהם אלעס ווערד.
גערט וועט ער זאמלען נאך און נאך,
דער עיקר ער האט, א שיינע קאך,
די קאר די שענסטע, נישט ווייניגער א טראפ,
די הוט דארף זיין טיפ טאפ.

ער שטייט ביי א חופה אין דאגות שווימט-ער,
וועלכע ברכה באקומט-ער,
געוואלד! צו ווייסט מען פון וואו שטאס-איך,
מ'זאגט שוין שמח תשמח.
וויפיל עגמת נפש פארן גבאי'ן שאפט-ער,
ער זאל באקומען דעם מפטיר,
זיין הייזעריגע קול קען יעדער אין שטעטל,
כאפט חזקות אויפן ברעטל.
לויפט צו דין תורה'ס ס'ברענט אים די הויט,
דער עיקר דער שכן האט נישט געבויט,
געוואונען און אויסגעפירט מיט נצחון,
פלאצן זאל זיין שכן.

איינער ארבעט אויף חיי שעה,
דער צווייטער אויף חיי עולם הבא,
נאריש איז דאס וואס די צייט פארטרייבט,
ווי חשוב איז וואס אייביג בלייבט.

## .10

וואס איז וויכטיג, וואס איז ריכטיג,
מ׳יאגט זיך, מ׳פלאגט זיך, ארעם, רייך,
צייט האבן אלע גלייך,
די חילוק נאר א קלארע,
וואס איז די מטרה,
וואס איז די וויכטיגע זאך.

שבת לעכטעלעך, סיום מסכת׳לעך,
גמרא׳לעך, סברא׳לעך, א פיינע דרוש,
געסט ביים שבת׳דיגן טיש,
יהא שמה רבא׳ס, א זמר׳ל אויף שבת,
די מזוזה געבן א קוש.
תיקון חצות׳לעך, טיפע קצות׳לעך,
חסידות׳לעך, שלוש סעודות׳לעך, מנהגים עתיקים,
זיך שטארקן מיט אמונת צדיקים,
זיין פון די וותרנים, בסבר פנים,
אבות ובנים.

שטייט אויף פארטאג נאך איידער די האן,
פארן באשעפער איפצוטאן,

## .11

מיט גרויסע השגות זיין נאכט איז צושטערט,
אין א קשיא פון רמב״ם איז ער פארקלערט.
גערלט וועט ער זאמלען נאך און נאך,
פון די מוסדות התורה אראפנעמען די יאך,
די אתרוג די שענסטע נישט וויי׳ניגער א טראפ,
די לולב זאל זיין גאנץ די קאפ.

שפעט געגאנגען שלאפן, דער זייגער אבער קלינגט,
נישט פארפעלן זמן קריאת שמע פונקט,
זיין זיסע קול תורה קען יעדער גוט,
פארברענט נישט קיין איבעריגע מינוט.
זיין חבר האט א צרה אין דאגות שווימט-ער,
ווערלכע הילף באקומט-ער,
געוואלד! א יתום האט א חופה געשטעלט,
מ׳דארף גיין שאפן געלט.

איינער ארבעט אויף חיי שעה,
דער צווייטער אויף חיי עולם הבא,
נאריש איז דאס וואס די צייט פארטרייבט,
ווי חשוב איז וואס אייביג בלייבט.

# .11 וואנדערן

לחן: הרב שלמה קארליש
געזונגען: הרב יוסף משה כהנא

איך אידעלע איך וואנדער, פון איין לאנד צום
אנדער,
אין גלות זיין — דער, וואס פון איהם מ'לאכט,
וואו איך קום מ'טרייבט —מיך, וואו איך גיי
מ'צאפט-מיך,
וואנדער איך בייטאג און ביינאכט.

מיין גליק טוה איך זוכן, ביי רוימער און ביי גריכן,
קיין שפאניע וועל איך קריכן, דאס לאנד פון גאלד,
משפחות צוזאמען, געווארפן אין די פלאמען,
נאר אונז שמדן האבן זיי געוואלט.

רוסישע קאזאקן! ווילדע פאלאקן!
אלע טוען קנאקן, פייניגן דעם איד,
אין דארף און ארענדער, דער גלח שרייט
איך-קען-דיר,
דיינע מצות אויסגעמישט מיט בלוט.

פזמון:
מיר האבן נישט קיין כח עס איז זייער שווער,
אלץ מיינען מיר, מ'קומט שוין אהן באלד,
די פינסטערע גלות, מיר קענען נישט מער,
צוויי טויזנט יאר צרות געוואלד.

איך גיי אין איך פרעג, זאל איך טוישן די וועג,
אפשר וועט עס העלפן פארט,
נישט זיין אנדערש פון די פעלקער דארט,
וואוינען רואיג אין זייער ארט.

טויש איך די קליידער, שרייען זיי גיי-דיר,
צוריק אין חדר,
מ'האט דיך נישט ליב,
איך רעד זייער שפראכן, טוט דער פריץ לאכן,
איך צאל נישט ווארפט ער מיך אין גרוב.

אין גאס אויך מיר געשפיגן, אלעס האט געשוויגן,
ווען איך האב געשריגן, האט קיינער נישט געקוקט,
דער רשע, די גסטאפו, אויך די קאפו,
מיט געלעכטער מיין קול פארשטיקט.

## 11.

אפילו די גע׳שמד׳טע, געניִיט א גערע׳ לאטע,
א איד נאר דיין טאטע, ביסטו אויך א ז׳יד,
די שפראך נישט משנה, די קליידער פונקט
ווי זיינע,
א איד בלייבט אייביג א איד.

פזמון...

די ציונים יענע טעג, געטראכט אז די וועג,
חלילה א מדינה אליין,
אן אייגענע לאנד, מיט א שטארקע האנט,
וועלן שוין די גויים פארשטיין.

וויפל מ׳טוט וועלן, אראבער צו געפעלן,
מלחמות אפשטעלן, מ׳זינגט א שלום ליד,
די רעכטע און די קרומע, די לינקע און די פרומע,
יעדער הייסט ביי זיי א איד.

מ׳געט צוריק א שטח, מ׳מיינט וישבתם לבטח,
ס׳העלפט א רעטעך, מיט עצות קלוג,
באמבעס שיסערייען, נישט ארויסדרייען,
דו שיסט צוריק, שרייט די וועלט גענוג.

פזמון...

אידעלעך תשובה איז די איינציגע וועג,
וואס וועט אונז ברענגען רואיגע טעג,
משיח וועט אונז פירן קיין ארץ ישראל,
מיט דעם בית המקדש אלעמאל.